# תורת אביגדור

## באידיש

# הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**מהדורת אחת שאלתי**

**לע"נ הרה"ח ר' חיים שמואל מאיר ב"ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז"ל**

נלב"ע כ"ב שבט תשע"ב לפק

# פרשת משפטים

# די אידישע שטאלץ

**פרנס השבוע**

נדבת השבוע נתנדב

**לזכות כל הרוצים להתקרב לעבודתו יתברך שמו,**

**ובפרט בעניני שמירת העניים!**

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.



רב אביגדור מיללער'ס

# Marriage Insurance



יסודות'דיגע שיעורים אויף

## בנין בית נאמן בישראל

געבויט אויף די קלארע און לויטערע תורה השקפה פון הרה"צ ר' **אביגדור מיללער** זצוק"ל

פארגעלערנט דורך

## הרב פינחס וואלהענדלער שליט"א

יו"ר ארגון תורת אביגדור

בהסכמת גדולי הרבנים

פלעצער זענען באגרעניצט, רופט שוין:
(732) 844-3670 ext. 4
RavMillerMarriage@gmail.com

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת משפטים

שנה ג׳

# די אידישע שטאלץ

## תוכן:

חלק א. איין מעדאל - חלק ב. דער ווערד פון דער מעדאל - חלק ג. פארדינען דעם מעדאל

## חלק א. איין מעדאל

### דער העברעאישער איד

די היינטיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די הלכות פון אן עבד עברי, א אידישער קנעכט: **כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי** - ווען דו וועסט קויפן א אידישער קנעכט, **שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם** - זעקס יאר זאל ער ארבעטן און אינעם זיבעטן זאל ער ארויסגיין פריי (משפטים כא: ב).

אזוי איז עס געווען אין די פריערדיגע צייטן; עס האט געקענט פאסירן אז פאר געוויסע סיבות האט א מענטש אויפגעגעבן זיין פרייהייט און איז געווארן אן עבד עברי - דאס מיינט אז דער איד ווערט אצינד א ׳אידישער קנעכט׳ און ער מוז ארבעטן זעקס יאר און דינען א צווייטן איד.

אלזא, כאטש דער עבד עברי איז אין א צייטווייליגע דינסט איז ער א געהעריגער איד פונקט ווי יעדן פון אונז. ער איז כשר צו דינען אלס עדות און ער קען צוגערעכנט ווערן אלס צענטער צו א מנין פונקט ווי יעדער אנדערער איד. ס׳איז ריכטיג, ער איז א פארפליכטעטער קנעכט אבער ער איז מחויב אין אלע מצוות פונקט ווי יעדער אנדערער אידישער מאנספערזאן. ער דארף גיין דאווענען דריי מאל א טאג און ער טוט אויך אן ציצית און תפילין. ער מוז אלעס טון!

פרעגט זיך א קשיא, אויב איז ער א געהעריגער איד פארוואס רופט אים נישט די תורה אן אזוי?

איך וויל זיכער מאכן איר פארשטייט די שאלה ווייל דאס איז דער אריינפיר צו אונזער היינטיגע נושא: פארוואס רופט אים די תורה אן עבד עברי אנשטאט צו זאגן עבד ישראלי? נאך אלעם, זעט אונז אויס אז ער איז א ישראל אין אלע הינזיכטן! פארוואס זאל מען אים נישט אנרופן מיט׳ן פאסיגן טיטל?

## א מכובד'יגער נאמען

אלזא, אויב פארשטייט איר נישט די שאלה, אויב איר קלערט נישט אז עס איז עפעס אינטערעסאנט דא, איז עס ווייל איר זענט נישט באהאוונט אין תנ"ך, ווייל צו געפינען אזא טיטל צוגעטשעפעט צו א איד איז גאנץ אומגעווענליך. לויט דעם לשון אין די תורה, ווערט נישט דער אויסדרוק עברי גענוצט צו באטיטלען דאס אידישע פאלק. דאס איז ווייל דער באשעפער האט אויף אונז ארויפגעלייגט א ספעציעלער טיטל פון כבוד וואס מיר זענען שטאלץ צו טראגן אויף זיך; עס איז אונז געגעבן געווארן דער מכובד'יגער נאמען, "ישראל".

"ישראל" איז פיל מער ווי בלויז א נאמען - עס ענטהאלט א נבואה וואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט אין דאס ווארט; עס מיינט, "דו וועסט באהערשן אלע כוחות פון די וועלכע זענען קעגן דיר." דערפאר איז דער נאמען אונזער שטאלץ, אונזער כבוד: ישראל - "מיר זענען דאס אייביגע פאלק וואס וועט בייקומען אנדערע."

## א צודעק נאמען

דערפאר ווילן אונז די גוים ענדערש קענען אלס "עברים". די אומות העולם האבן אלעמאל גענוצט דעם נאמען עברי ווען זיי האבן גערעדט פון אונז ווייל זיי האבן געוואלט אפמאלן אן אנדער בילד ווי דאס וואס דער נאמען ישראל טוט רעפריזענטירן. "אה, די מענטשן, די אידן?! זיי זענען בלויז עברים!" עברים מיינט אז מיר קומען פון עבר הנהר, פונעם אנדערן זייט פונעם ירדן. "זייערע עלטערן זענען געקומען פון דעם אנדערן זייט ירדן זיך צו באזעצן אין ארץ כנען אבער זיי קענען אונז נישט נארן; זיי זענען בלויז א טייל פון די עברים, פון די מענטשן וועלכע וואוינען אויפ'ן אנדערן זייט טייך."

אנשטאט אונז צו אנערקענען אלס א באזונדערע מציאות, האבן די גוים שטענדיג אויסגעוועלט אונז ענדערש צו באטראכטן אלס בלויז נאך א צווייג פון דער סעמיטישער לאגער. דאס איז אלעמאל געווען א וועג פון פראבירן צו פארדעקן אויפ'ן אמת פון דאס איינציגע פאלק, א פאלק וואס איז אפגעטיילט פון אנדערע, וואס איז אויסדערוועלט געווארן דורך דעם באשעפער צו זיין דאס אייביגע פאלק.

זיי האבן פיינט געהאט דעם געדאנק פון א פאלק וואס ווערט גערופן ישראל ווייל דאס האט געמיינט עפעס; עס איז א טיטל פון נאציאנאלער כבוד, וואס דאס האט באדייט אז עס איז דא אן עם לבדד ישכון וואס גייט צום סוף מנצח זיין. ישראל איז א פאטריאטישער נאמען, א מעדאל פון כבוד וואס מיר טראגן מיט שטאלץ, און דערפאר איז עס פארשטענדליך אז די פעלקער פון די וועלט זענען נישט אינטערעסירט צו הערן אזעלכע זאכן.

## ביים רעדן מיט זיי

דערפאר, ווען מיר רעדן צו די גוים רופן מיר זיך "עברים". מיר זעען אז ווען משה רבינו איז געווען אין פאלאץ און פרעה האט געזאגט, "פארוואס זאגסטו מיר איך זאל ארויסלאזן דיין פאלק? ווער האט דיר געשיקט צו מיר מיט אזא שליחות?" האט משה רבינו געענטפערט (שמות ז:טז), **אֱלֹקֵי הָעִבְרִים שְׁלָחַנִי** - "דער באשעפער פון די עברים האט מיר געשיקט." נאך אלעם,

האט ער גערעדט צו פרעה און ווען מ'רעדט צו די גוים רעדט מען אין א שפראך וואס זיי פארשטייען. דאגעגן וואלט משה קיינמאל נישט גערעדט צו זיין אייגענע פאלק און געזאגט "אלקי העברים האט מיר געשיקט אייך זאגן." קיינמאל! ווייל אידן האבן נישט גענוצט דאס ווארט.

אין ספר יונה ווערט געברענגט, ווען יונה הנביא איז געוועזן אויפ'ן שיף צו אנטלויפן פון דאס שליחות וואס דער באשעפער האט ארויפגעלייגט אויף אים און פלוצלינג האט אויסגעבראכן א שטורעם וואס האט באדראעט די שיף צו איינזינקען, דאן, אין יענע צייטן, זענען די גוי'שע מאטראזן געווען פיל פרומער ווי געוויסע ארטאדאקסן פון היינט און זיי האבן פארשטאנען אז א שטורעם געשעט נישט סתם אזוי - איינעם'ס ג-ט איז ברוגז - האבן זיי געווארפן א גורל צו אויסגעפינען ווער עס איז דער שולדיגער. און ווען דער גורל איז געפאלן אויף דעם נביא יונה האבן זיי אים געפרעגט, "זאג אונז, ווער ביסטו?" האט ער געענטפערט (יונה א:ט), "**עברי אנכי** - איך בין א איד." דאס איז ווייל ער האט גערעדט צו גוים האט ער געדארפט רעדן גוי'שע ווערטער. אבער צווישן אידן וואלט קיינער נישט גערעדט גוי'ש. עס וואלט געווען א בזיון צו רופן א איד אן עברי.

## דער גע'גנב'טער נאמען

שפעטער אין די היסטאריע ווען די גוים האבן געזען אז דער נאמען ישראל איז געבליבן, זענען זיי אויפגעקומען מיט א נייער וועג פון האנדלען מיט דער נבואה'דיגער נאמען - זיי האבן פרובירט עס צו גנב'נען פון אונז! זיי האבן פראקלאמירט אז זיי זענען דער 'נייער' ישראל. דערפאר וועט דער פויפסט דיר זאגן - אויב וועסטו אמאל רעדן מיט אים - אז ער טוט רעפריזענטירן דעם אמת'ן ישראל און דער איד, ער ווערט מער נישט גערופן ישראל.

דאס איז געווען דער פלאן אין אנהייב פון די ערשטע קריסטן. דערפאר האבן די ערפינדער פון די ערציילונגען אין דעם נייעם ביבל אויסגעטראכט א מעשה פון צוועלף שליחים. אלעס איז אזוי צוזאמגעשטעלט געווארן אז עס זאל אויסזען ווי עס איז אן אויספיר פון עפעס א נבואה, פון עפעס א צייכן. און אזוי האבן די דערציילער פון דער נייער ביבל געמאכט אויסזען אז יושקע פאנדרע האט געהאט צוועלף תלמידים. פארוואס צוועלף? ווייל זיינע פאנטאזירטע צוועלף תלמידים האבן געדארפט צו ערפילן דאס ארט פון להבדיל די צוועלף שבטים.

## גזלנים און פאפערס

און אזוי איז דער נאמען ישראל, דער כבוד פון אונזער פאלק, צוגעכאפט געווארן פון אונז און ארויפגעלייגט אויף זייערע קעפ. אודאי ניצן זיי עס נישט, זיי זענען נישט באמת אינטערעסירט דערין. קיין איין פויפסט איז קיינמאל נישט גערופן געווארן 'ישראל'. אז מ'וועט דורכנישטערן די ליסטע פון זייערע גייסטליכע וועט מען נישט געפינען קיין 'גלח ישראל'. זיי האבן עס גענומען פון אונז נישט ווייל זיי האבן עס געדארפט, נאר כדי מיר זאלן עס נישט האבן, כדי מיר זאלן נישט געגרויסט ווערן מיט דעם נאמען ישראל.

דאס זעלבע איז מיט אונזערע כתבי קודש; זיי האבן געוואלט די וועלט זאל מיינען אז דער

באשפעער האט זיך בארעכנט און אונז אפגעווארפן פון זיך און אוועקגענומען פון אונז דעם תנ"ך און אצינד רופן זיי עס 'קריסטליכער ביבל'. דער פשוט'ער אמת איז אז זיי ניצן סיי ווי נישט דעם ביבל. דער פויפסט אליין עסט חזיר און קליידט זיך מיט שעטנז, כאטש ס'איז עפנטליך פארבאטן. מאכט נישט אויס - "ס'איז נישט אייערס," טענה'ן זיי.

אה, אבער די גאנצע תורה רעדט איבער אונז! מיר זענען די וועלכע האבן דאס אלעס דורכגעלעבט! "ניין, ניין," זאגן זיי, "ס'איז אלעס געווען א טעות!" א גרויסער טעות! מיר האבן עס דורכגעלעבט אבער ס'איז בלויז א וויץ - אייגנטליך איז דאס געמאכט פאר די וועלכע עסן חזיר און האלטן שבת זונטאג.

## העברעאיש איז נישט תורה

און נאך דעם ערשטן חורבן בית המקדש ווען מיר האבן פארלוירן צען שבטים פון דאס אידישע פאלק און נאר יהודה איז פארבליבן, האבן מיר גענומען אויף זיך דעם נאמען יהודים - דאס איז אויך א נאמען פון כבוד ווייל יהודה מיינט, "דער וואס לויבט דעם באשעפער." דאס איז פון די וויכטיגסטע אויפגאבעס פון א איד, א יהודה אויף די וועלט; צו רעדן פון באשעפער. מיר זענען דאס פאלק וואס רעדט שטענדיג פון באשעפער.

און דערפאר, ווען מיר קוקן אריין אין די תורה און נביאים, וועלן מיר איבעראל טרעפן דעם נאמען ישראל - און נאך דעם חורבן ווערן מיר גערופן יהודים. דאס זענען אונזערע נעמען: ישראל און יהודה. אבער עברים? קיינמאל! מיר זענען נישט קיין היברעאיסטן. אויך אונזער שפראך - עס איז לשון הקודש, די הייליגע צונג. צו זאגן אז אונזערס שפראך איז עברית, העברעאיש, איז אויך נישט קיין תורה'דיגע באהויפטונג.

איז ווייסט איר יעצט אז דער 'יוניאן פון אמעריקען היברו קאנגרעגעישאן' איז נישט קיין תורה ארגאניזאציע. און אויב לייענט איר אין די צייטונג - איר זאלט נישט, אבער אויב האט איר יא געליינט - אז א גרופע פון שרצים, פון שמוציגע חיות וואס האבן חתונה אויף א געוויסן אופן און זיי האבן אן ארגאניזירטער קאנגרעגעשאן, א שול, און זיי באקומען אנערקענונג פון דער 'יוניאן פון היברו קאנגרעגעשאנס', איז זאגן מיר, "אודאי טוען העברעאיסטן אזא זאך; אבער ישראלים אדער יהודים קענען נישט."

## דער קנעכט איז פארמינערט

אצינד קומען מיר צוריק צו די שאלה וואס מיר האבן דערמאנטביים אנהייב פון אונזער שמועס. ווייל כאטש מיר ניצן נישט דעם טיטל "עברי" צווישן אונז - און זיכער וואלטן מיר נישט ערווארט דער באשעפער זאל עס ניצן - מיטאמאל טרעפן מיר ווי די תורה באטיטלט א ישראל אלס אן עברי. און דאס איז נישט ווען אידן רעדן צו גוים. להבדיל אלף הבדלות, דער באשעפער אליין רעדט, און ער רעדט פון א ישראל: "ווען דו וועסט קויפן אן עבד עברי, א היברעאיסטישער קנעכט." אזוי ווערט די מצוה דערמאנט אין די תורה!

און די סיבה איז אזוי: כאטש מיר ווייסן אויף זיכער אז אן עבד עברי איז נאך אלס א ישראל, איז דא איין תפקיד וואס דער איד פארלירט ווען ער ווערט אן עבד - ער פארלירט דעם פארבאט

פון חתונה האבן מיט א גוי'שע שפחה (שם. כא:ד). דורכאויס די זעקס יאר מעג אים זיין בעל הבית חתונה מאכן מיט א דינסט אז זיי זאלן האבן קינדער אינאיינעם וואס וועלן פארזעצן צו זיין עבדים כנענים אויך נאך וואס דער איד גייט ארויס פריי.

אלזא, באלד ווי די זעקס יאר ענדיגן זיך, ווערט דער איד צוריקגעשטעלט צו זיין פריערדיגן שטאנד און ער ווערט פארבאטן צו פארבלייבן חתונה געהאט צו איר; אבער דורכאויס די פאר יאר, כאטש וואס אין אלע אנדערע הינזיכטן איז ער א גאנצער איד, נעמט אים די תורה אוועק דעם נאמען ישראל. איינער וואס קען זיך מישן מיט א גוי'שע פרוי, איז מער נישט קיין אריסטאקראט, ער קען נישט גערופן ווערן א ישראל.

## צייכנס פון אריסטאקראטיע

פון דא לערנען מיר זייער א וויכטיגער יסוד! די גרויסקייט פון זיין א ישראל איז דער פאקט אז מיר האבן 613 מצוות. מען קען טראכטן, אז אויב וואלטן מיר געהאט זעקס הונדערט און צוועלף וואלט עס געוועזן גענוג גוט - און ס'איז זיכער א געוואלדיגע זאך.

אבער, שטעל זיך פאר דו ווערסט געלאדנט צו א קעניגליכער באנקעט וואו דו ווערט אויפגערופן מיט פארשידענע מכובד'יגע מעדאלן, אין פארשידענע פארמען - מיט אלע צייכנס פון אריסטאקראטיע. דו קומסט אריין אין זאל מיט א שיינער געביגלטער העמד און דיינע אלע אויסצייכענונגען ליגן אויסגעלייגט אויפ'ן העמד - זעקס הונדערט און צוועלף אויסצייכענונגען! זעקס הונדערט און צוועלף מעדאלן! ווי אזוי קענען זיי אלע אפילו האבן פלאץ אויף דיר? דו דארפסט ארויפלייגן אפאר אויף דיינע הויזן און היט בענדל ווייל עס איז דא אזויפיל.

און אזוי שפאנסטו אריין און אלע געסט קוקן אויף דיר בשעת דו גייסט זיי פארביי באדעקט אין דיין פולער גלאנץ פון קעניגליכע אויסצייכענונגען און דיין הארץ דערברייטערט זיך אין דיר ווען דו שפרייזט דורך דעם זאל באוויייזנדיג דיינע אלע באצירונגען. דו שפאנסט מיט בליטשקעדיגע צירונגען; דו רופסט אויס, "איך בין א ישראל."

"אה ניין!" זאגט דער באשעפער, "דו ביסט נישט! ווייל איין צירונג פעלט. דו ביסט אראפגענידערט - דו ביסט יעצט אן עבד עברי." אויב איינער איז גרייט זיך צו פארקויפן אדער ווערן פארשלעפט אין א פירונג וואס צווינגט דעם בית דין אים צו פארקויפן צו זיין אן עבד, און דערביי מוותר זיין אויף אפילו איינע פון די מעדאלן פון כבוד, מיינט עס אז ער איז געפאלן צו א נידריגערער שטאפל פון דער עם ישראל; א ישראל אנערקענט די גרויסקייט פון אונזערע מעדאלן פון כבוד - ער וואלט קיינמאל נישט אראפגענומען אפילו איינע פון די אויסצייכענונגען פון זיין ברוסטקאסטן.

אונזער גרעסטער שטאלץ איז דער פאקט אז דער באשעפער האט אויסגעוועלט אונז צו באפעלן מיט די מצוות עשה און לא תעשה און כאטש עס זענען דא פיל פון זיי, איז יעדע איינע א באזונדערער און אויסדריקליכער כבוד; יעדע איינע איז א באזונדערע אויסצייכענונג פון כבוד באהאפטן צו אונז דורך דעם באשעפער פון די וועלט. דאס איז וואס עס מיינט צו זיין א ישראל און אויב דו פארשטייסט עס נישט, דאן ווערסטו דערנידערט - אצינד ביסטו אן עברי.

# חלק ב. דער ווערד פון דער מעדאל

## מיר זענען באפוילן

איז וואס לערנען מיר פון דעם? אז ווען דו שפאנסט אראפ די גאס און דו ביסט הונגעריג און דו טרעפסט נישט קיין כשר'ער רעסטוראנט - איז ווען דו גייסט פארביי די נישט כשר'ע שפייז געשעפטן זאלסטו אויפהייבן דיין קאפ מיט שטאלץ ווייל דאס איז דיין מעדאל פון כבוד. ווען דו גייסט אריין אין אן עלעקטראנישע מאשינען געשעפט און דו זעסט א גאנצע אפטיילונג פון גאל מעסערס פאר א גלאטער פנים, דיין הארץ דערברייטערט זיך מיט שטאלץ: "איך בין א ישראל! איך קען דאס נישט ניצן - דאס איז נאך א מעדאל אויף מיין ברוסטקאסטן.

ווען דו ווילסט קויפן א מאנטל, קענסטו נישט קויפן סיי וואס - דו וועסט עס קודם דארפן באקוקן; עס קען נישט זיין קיין קיין וואל און לינען אין איין מלבוש. און לאמיר זאגן דו ארבעטסט אין אן אפיס און דו דארפסט ארויסלויפן עפעס קויפן אבער דו האסט איבערגעלאזט דיין מאנטל אין אן אנדערן צימער. עס קען זיך אפשר געפינען א גוי וואס ארבעט דארט אין אפיס וואס ער וועט דיר זאגן, "דא, נעם מיין מאנטל. קענסט עס ניצן פאר צוויי מינוט צו ארויסלויפן אין גאס און קויפן וואס דו דארפסט." ניין, דו טארסט עס נישט נעמען. עס קען האבן שעטנז!

אזויפיל פארבאטן! אזויפיל זאכן צו וויסן און זיין געווארנט דערמיט! און יעדע איינע איז א כבוד - יעדע איינע פון זיי איז וויכטיג אונז צו באטיטלען מיט דעם נאמען ישראל.

וואס עס איז דער טעם פאר יעדע ספעציפישע געבאט, דאס איז יעצט נישט וויכטיג. אודאי איז גוט פאר מענטשן צו דורכלערנען די טעמים און פרטים פון די תורה אבער דער עיקר חשיבות פון די געבאטן איז פשוט ווייל מיר זענען באפוילן געווארן. איך וועל דאס איבער'חזר'ן, ווייל עס איז אזוי וויכטיג: דער עיקר חשיבות פון די אלע עשה'ס און לא תעשה'ס איז די זכי' וואס איז אונז געגעבן געווארן דורך דעם באשעפער.

## די גרויסע סעודה

דאס צו קענען פארשטיין דארפן מיר לערנען א גמרא. די גמרא (קידושין לא.) דערציילט איבער דעם באוואוסטן אמורא רב יוסף. ער איז געווען א בלינדער מענטש און ער האט געלערנט איבער די דעה פון דעם תנא רבי יהודה. רבי יהודה האט געזאגט אז, "**סומא פטור מכל המצוות** - א בלינדער מענטש איז פטור פון אלע מצוות אין די תורה. דאס איז וואס רבי יהודה האלט. א בלינדער מענטש איז פטור פון די מצוה פון תפילין און ער איז פטור פון די מצוה פון סוכה און אזוי ווייטער - פון אלע מצוות עשה איז א בלינדער מענטש פטור.

אלזא, ווען רב יוסף האט דאס געהערט האט ער געזאגט אז ער וואלט געוואלט הערן אז דער פסק הלכה גייט לויט רבי יהודה. ער האט געזאגט, "אויב איינער קען מיר זאגן אז ער האט א מסורה אז וואס רבי יהודה זאגט אזוי פסק'נט מען למעשה, דאן **עבידנא יומא טבא לרבנן** - וועל איך מאכן א גרויסע סעודה פאר אלע תלמידים אין די ישיבה צו פייערן, **דהא לא מפקידנא** - ווייל איך בין נישט באפוילן מיט די מצוות."

רב יוסף האט געזאגט, "אויב די הלכה איז ווי רבי יהודה אז איך בין נישט באפוילן צו טון

מצוות און דאך טו איך זיי - איך לייג תפילין און טו אן ציצית און איך גיי אריין אין די סוכה; איך טו סיווי אלעס - דאס מיינט אז איך טו עס פרייוויליג. דאס איז א גרויסקייט! בלויז פון די גוטסקייט פון מיין אייגענעם ווילן, גיי איך ווייטער פון וואס עס איז מיין פליכט פאר דיר באשעפער!" און דערפאר, צו פייערן די ספעציעלע דרגה אין עבודת ה' האט ער געוואלט מאכן א סעודה.

## בטל געמאכט די סעודה

אבער דאן, האט ער איין טאג געהערט א געוויסער מאמר פון רבי חנינא. רבי חנינא האט געזאגט אזוי: **גָּדוֹל הַמְצוּוֶּה וְעוֹשֶׂה** - עס איז גרעסער דער וואס איז באפוילן עפעס צו טון, **יוֹתֵר מִמִּי שֶׁאֵינוֹ מְצוּוֶּה וְעוֹשֶׂה** - מער ווי ווען איינער טוט עס פרייוויליג. אויב דו טוסט מצוות פרייוויליג, נישט ווייל דו ביסט באפוילן געווארן, דאס איז ווייניגער חשוב ווי דער וואס טוט עס ווייל ער מוז. דער וואס איז באפוילן געווארן און טוט עס, ווערט באטראכט חשוב'ער ווי דער וואס טוט עס פון אייגענעם ווילן.

אלזא, צו אונז זעט עס נישט אויס לאגיש; ווייל אויב איינער איז זיך מתנדב פון די גוטסקייט פון זיין הארץ אן צו ווערן געהייסן, זעט עס אויס אז ער וואלט געדארפט באטראכט ווערן אלס א חשוב'ערע פערזענליכקייט. פארוואס איז דאס אז דער וואס טוט עס ווייל ער מוז, ווייל עס איז ארויפגעלייגט געווארן אויף אים, ווערט באטראכט אלס גרעסער?

דער ענטפער איז, אז מיר קוקן אויף דער וואס האט עס ארויפגעלייגט אויף אונז. דער איין איינציגער וואס האט עס באפוילן! ווער איז דער וואס האט אונז דאס אלעס באפוילן? דער באשעפער! יעדע מצוה איז א מעדאל וואס איז ארויפגעלייגט געווארן אויף דיר דורך דעם מלך מלכי המלכים: "דו, דער ישראל, ווערסט דא אויסגעוועלט פון צווישן אלע ביליאנען מענטשן פון די וועלט, צו זיין דער וואס טראגט דער מכובד'יגער מעדאל פון א מצווה ועושה."

## די פריוויליגירטע געמיינדע

און דאס איז א מעדאל וואס דארף ארויסרופן קנאה ביי אלע מענטשן פון די וועלט וואס זענען נישט פון די מיוחס'דיגע מיטגלידער פון די אויסדערוועלטע געמיינדע. שטעלט זיך פאר אז א טונקעלער פארשוין אדער א יאפאנעזער אדער אן איטאליענער באשליסט פון היינט אז ער וועט עסן נאר כשר'ס. ס'איז נישט קיין מעדאל, ס'איז א נאכמאכונג. אויב וועט איר גוט קוקן, וועט איר זען אז ס'איז נישט די אמת'ע וואס דער קעניג האט געגעבן. מענטשן קענען מאכן זאכן וואס זעען אויס ווי דער קעניגליכער מעדאל, אבער זיי האבן נישט דעם רעכט עס צו טראגן.

א יאפאנעזער קען עס נישט טראגן - אויסער אויב ער איז זיך מגייר. געוויסע זאכן מעג ער טון פרייוויליג; א קליינער יאפאנעזער שגץ מעג מכבד זיין זיינע עלטערן, פארוואס נישט? אפשר וועט ער אפילו אויך באקומען שכר דערפאר, אבער סיי ווי אזוי, איז עס נישט קיין מעדאל פון כבוד. עס איז דער געבאט, דער וואס האט געבאטן, וואס מאכט די אידן אזוי גרויס.

די וועלכע זענען נישט באפוילן געווארן, זיי באקומען נישט דעם פארדינסט. זיי קענען זיין ערליך, עס קומט זיך זיי אייגנטליך קרעדיט פאר'ן טון פרייוויליג, אבער דער זכות, די מתנה פון

א מצוה איז נאר פאר געוויסע פערזענליכקייטן וואס דער באשעפער האט אויסדערוועלט. נאר פאר אויסגעקליבענע מענטשן ווערן געגעבן דעם זכות פון ווערן באפוילן.

## בר מצוה סעודות

איז ווען רב יוסף האט געהערט דעם מאמר פון "גרעסער איז דער וואס איז באפוילן מיט געבאטן," האט ער אינגאנצן געטוישט זיין מיינונג. ער האט געזאגט, **"מאן דאמר לי אין הלכה כרבי יהודה"** - אויב איינער וועט מיר זאגן אז די הלכה איז נישט ווי רבי יהודה אז א בלינדער מענטש איז פטור פון מצוות, דאן וועל איך מאכן א **יומא טבא לרבנן**. אויב איך וועל הערן אז א בלינדער מענטש איז מחויב, דאן וועל איך פייערן און מאכן א גרויסע סעודה.

און דאס וואס מען זאגט איז דער מקור פון מאכן א בר מצוה סעודה. א בר מצוה בחור האט אויך פריער, אלס ארטאדאקסישער אינגל, געהיט תורה ומצוות, אבער דאן איז ער נישט געווען א מצווה ועושה; ער האט עס געטון פרייוויליג. און יעצט ווען ער ווערט דרייצן יאר אלט ווערט ער א מצווה. אאה! ער איז שוין אצינד באפוילן! יעצט באקומט ער שוין אלע זיינע מעדאלן און ער ווערט מכובד. מיר מאכן א סעודה דאס צו פייערן! ווייל דאס איז דער כבוד פון א מענטש; ער קען ארויסקומען און זיך באווייזן אז ער האט אן די אלע מעדאלן וואס דער קעניג האט ארויפגעלייגט אויף אים.

## פייערן בת מצוה'ס

א בת מצוה, א מיידל וואס ווערט צוועלף יאר אלט, דאס איז גארנישט קיין קלענערע פייערונג. נאר דער דרך התורה איז צו האלטן פרויען באשיידן. דער געדאנק אז פרויען זאלן ארויסקומען אין די עפנטליכקייט מער ווי פארלאנגט און זיין אויף אויסשטעל - אפילו א יונג מיידל - איז נישט דער דרך התורה.

ביי א אינגל'ס בר מצוה קומט ער אין שול, יעדער הערט אים אויס, מ'קוקט אויף אים. ער איז אויף אויסשטעל. עס איז נישט גוט פאר א מיידל מ'זאל צו שטארק קוקן אויף איר, צו זיין אויף אויסשטעל. דאס קען מען נישט טוישן - מיר וועלן נישט זיין נאריש און איגנארירן דער מענטשליכער נאטור. אבער דאס טוט חס ושלום נישט אין סיי וועלכן אופן עפעס פארמינערן פון א אידישע פרוי. די אידישע פרוי, די אידישע מיידל, איז א הייליגע אריסטאקראט, א מצווה ועושה. זי טראגט מעדאלן, נאר זי טראגט עס פון אינעווייניג! נישט קיין חילוק אויב דו האסט עס אן פינדרויסן אדער פון אינעווייניג, זענען די מצוות א צייכן פון כבוד, פון ליבשאפט, פונעם קעניג.

## וואונדערליכע מתנות

מיר זאגן ביי מעריב, "**אהבת עולם בית ישראל עמך אהבת** - באשעפער, דו האסט ליב דיין פאלק מיט אן אייביגע ליבשאפט," און באלד דערויף קומט אן ערקלערונג וואס די ליבשאפט איז: **תורה ומצוות חוקים ומשפטים אותנו למדת** - דו האסט אונז געלערנט תורה און מצוות, די געזעצן און געריכטן.

מיר וועלן דאס ערקלערן ווי פאלגנד: יעדער ווייסט אז ווען א חתן האט ליב זיין כלה, געבט

ער איר סבלונות, מתנות. ער וועט קויפן פאר זיין צוקומפטיגע כלה א דיאמאנט, א האנט באנד. למעשה טוט ער עס נישט סתם זיך צו באוויזן - ער געבט איר מתנות צו ארויסווייזן זיין ליבשאפט צו איר: "דו ביסט א דיאמאנט פאר מיר," זאגט ער איר - דערפאר לויפט זי גלייך צום צירונג הענדלער פרעגן וויפיל דער דיאמאנט איז ווערד, זי וויל וויסן ווי שטארק ער ליבט איר! סיי וואס דער פאל זאל זיין, געבט א חתן טייערע מתנות פאר זיין כלה.

און אזוי, ווען דער באשעפער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים און געברענגט צום הר סיני, האט ער אונז געזאגט, "איך גיי זיין אייער חתן; איך וועל אייך נעמען צו זיין מיין כלה. און ווייל איך האב אייך אזוי ליב מיט אן אהבת עולם, דערפאר וועל איך אייך געבן א זייער גרויסע מתנה וואס דאס איז די תורה. די תורה ומצוות חוקים ומשפטים, דאס איז געווען די חתונה מתנה, די סבלונות, צו דאס אידישע פאלק.

די מצוות, אלע עשין און אלע לאווין, זענען אויסדרוקן פון געוואלדיגע ליבשאפט וואס דער באשעפער ווייזט אונז. נישט ווי מענטשן מיינען, אז דאס זענען פארפליכטונגען און געזעצן און פארבאטן. אה ניין - דאס איז צירונג; יעדע איינציגע איז א מעדאל פון כבוד, די מעדאלן פון א מצווה ועושה.

## שעצן די מתנות

טראכט דערפון אפאר מאל ווען דו דאוונסט מעריב: "דו האסט אונז ליב מיט אן אייביגער ליבשאפט... און דו האסט אונז געגעבן די אלע מעדאלן צו אנטון... און מיר וועלן זיין פריילך מיט זיי אויף אייביג און אייביג." יעדע איינציגסטע מצוה איז א צירונג פאר אונז און מיר דאנקען דעם באשעפער פאר יעדע איינע ווייל יעדע איינע דריקט אויס זיין ליבשאפט צו אונז. **תורה ומצוות חוקים ומשפטים** - אזוי פיל אויסצייכענונגען, אזוי פיל כבוד, אזויפיל ליבשאפט.

דערפאר זאל יעדע אידישע הויז האבן פאליצעס מיט ספרים; פאליצעס און פאליצעס מיט ספרים. ס'איז א וועג פון ווייזן דיין שעצונג פאר די געוואלדיגע מתנה וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן. סיי צי דו האסט צייט צו לערנען אין די אלע ספרים אדער נישט, איז עס נאך אלץ א גוטע זאך צו ארויסשטעלן די ספרים אין דיין הויז ווייל דאס איז דער שטאלץ פון אונזער פאלק - ס'איז א באוויז אז מיר זענען שטאלץ צו זיין מצווה ועושה.

און ווען דו גייסט פארביי די ספרים שאנק, אפילו אויב דו ביסט יעצט צו פארנומען צו עפענען א ספר, אבער דיין הארץ דערברייטערט זיך מיט שטאלץ; אייאייאיי, טייערע ספרים. מענער, פרויען, אינגלעך און מיידלעך זאלן דאס זאגן! אלע פרטים פון אונזערע מעדאלן פון כבוד זענען דארט פארשריבן - א ש"ס אויפ'ן פאליצע איז א צייכן פון דעם באשעפער'ס גרעסטע ליבשאפט צו אונז.

נישט נאר ש"ס; די ספרים פון די ראשונים זענען אלע צירונגען פאר אונז; אויך פון די גדולי אחרונים. דא האסטו דעם ש"ך, דו האסט דעם ט"ז, דו האסט דעם מגן אברהם. דאס זענען טייערע צירונגען פון דעם חתן. עס הענגט פון אונזער האלז דער חובת הלבבות, דער רמב"ם, דער רי"ף, אמונות ודיעות; די אלע גרויסע חיבורים. פון איין אויער הענגט אראפ דער קצות החושן, פונעם אנדערן אויער דער נתיבות. אלע סארטן הערליכע צירונגען, זיי זענען אלע

מעדאלן פון כבוד וואס מאכן אונז פאר דאס אויסדערוועלטע פאלק וואס זענען באפוילן געווארן.

# חלק ג. פארדינען דעם מעדאל

## הנאה האבן פון די כבוד

אלזא, איינמאל מיר פארשטייען די נושא פון זיין שטאלץ צו זיין א ישראל, פון האבן די זכי' צו זיין באפוילן דורך דעם באשעפער, עפנט עס פאר אונז א גענצליך נייער אויסקוק פון שעצן אונזער תפקיד אויף די וועלט. פאר דער טראכטנדער מענטש ווערט עולם הזה איין גרויסער פייערונגס זאל פון כבוד. וואספארא שמחה איז צו שפאנען די גאס אין עולם הזה טראכטנדיג אזעלכע געדאנקען: "איך בין באקליידט מיט דיינע באצירונגען, באשעפער; זעקס הונדערט און דרייצן מעדאלן און דערצו הונדערטער מער דרבנן'ס! אה! וואספארא כבוד!" איז וואס איז אז דער אריער מיט'ן רויטן נאז וואס גייט פארביי ווייסט נישט?! דו ווייסט און דערפאר איז יעדע מינוט טייער פאר דיר. דו זויגסט אויס די האניג פון יעדע סעקונדע, געניסנדיג פון דעם כבוד פון זיין א מצווה, איינער פון די געציילטע אויסדערוועלטע וואס זענען באפוילן געווארן דורך דעם באשעפער פון די וועלט!

אויב אבער דער טאג פון די סעודה קומט אן און דו האסט זיך פריער גוט אנגעטרונקען און יעצט ווען דו גייסט אריין אין זאל קענסטו קוים שטיין אויף דיינע פיס - דו ביסט אזוי אנגעזויפט מיט אלקאהאל אז דו ווייסט נישט וואס טוט זיך - דאן דערלייגסטו פון די כבוד. וואספארא שאד! און דער שאד איז אונז! מיר זענען אנגעטרונקען מיט מאכן פרנסה און אנדערע זארגן; מיר זענען אנגעטרונקען מיט נאכלויפן נאך עולם הזה'דיגע פארגעניגנס און אזוי דערלייגן מיר דעם גאנצן כבוד. א טראגעדיע! מיר גייען אדורך אונזער גאנצע לעבן אויף די וועלט ווי אנגעטרונקענע מאטראזן, נישט כאפנדיג וואספארא זכי' עס איז צו זיין א מצווה.

## א וועלט פון טון

אלזא, מיר וואלטן דערלייגט די עיקר נקודה אויב וואלטן מיר אפגעשטעלט אונזער שמועס דא ווייל אייגנטליך, דער מעדאל וואס מיר האבן אן אין עולם הזה, דער מעדאל פון זיין א מצווה, איז בלויז דער אנהייב פון די מעשה. אודאי, ס'איז זייער א גוטער אנהייב! ס'איז זייער א פרייליכער אנהייב! אבער ס'איז דא א וויכטיגער פונקט אין רבי חנינא'ס אויסדרוק וואס מ'קען נישט איגנארירן: **גָּדוֹל הַמְצֻוֶּה וְעוֹשֶׂה** - "גרויס איז דער וואס איז באפוילן צו טון עפעס," האט ער געזאגט, "און ער טוט עפעס דערוועגן."

**ועושה!** צו טון! דאס איז דער אמת'ער כבוד פון לעבן אויף די וועלט; **לעשות**, צו טון, צו אויפטון. דאס איז וואס דער באשעפער זאגט אין די תורה (דברים יא:יג): "דו זאלסט טון די אלע מצוות **אשר אנכי מצוך היום**, וואס איך באפעל דיר היינט צו טון." איז די שאלה, פארוואס פעלט אויס דאסווארט 'היום', היינט? און מארגן באפעלט ער אונז נישט?

זאגט די גמרא, **היום לעשותם ולא מחר לעשותם** - "היינט" זאלסטו זיי טון, נישט מארגן. היינט איז די צייט צו טון ווייל היינט ביסטו נאך דא און מארגן ווייסטו נישט וואו דו וועסט זיין;

און אין די קומענדיגע וועלט וועסטו נישט קענען טון אפילו די קלענסטע מצוה. די וועלט איז דער עולם העשי', דער ארט פאר טון. **אם לא עכשיו אימתי** - די גלענצנדע געלעגנהייט פון זיין א מצווה ועושה איז נאר יעצט!

## דער האזל פארמעסט

דאס באדייט דער היום לעשותם, דער היינט איז אויף צו אויפטון, דאס מיינט אז אויף די וועלט זאלן מיר נישט זיין פארנומען מיט אנדערע זאכן. היום קענסטו נישט נאכלויפן פארגעניגנס ווייל עולם הזה פארגעניגן איז דער סארט חיה וואס ווען מען יאגט עס נאך קען מען עס קיינמאל נישט דערכאפן.

ס'איז ווי די הינט פארמעסטן וואס מען מאכט אין מאסעטשוסעטס. איך האב שוין אמאל דערציילט אז אין די שטאט ריוויר, מאסעטשוסעטס מאכן זיי הינט פארמעסטן פאר געלט. וואס טוען זיי? די פלינקע גרעיהאונד הינט ווערן ארויסגעלאזט אויף גליטשערס און זיי לויפן נאך האזלען. אוודאי וועלן זיי קיינמאל נישט אנקומען צו זיי ווייל דאס זענען מעטאלענע האזלען וואס לויפן אויף עלעקטראנישע שינעס און לויט ווי שנעל די הינט לויפן, אלס שנעלער גייען די האזלען ווייטער. און כאטש דער ארעמער הונט לויפט נאך דעם האזל - דער האזל איז באדעקט מיט אן ארויפגעקלעבטן פעל - און ער דמיון'ט, 'אה, איך וועל ארייַנשניידן מיינע ציין און יענע געשמאקע ווארעמע פלייש און די פרישע בלוט וועט ארייַנשפריצן אין מיין מויל,' וועט ער עס קיינמאל נישט דערכאפן. און דער אמת איז אז עס איז בעסער פאר אים אזוי - ווייל אויב ער וועט דערכאפן דעם האזל און אריינבייסן אינעם מעטאל וועט ער דארפן גיין צום ציין דאקטער.

און דאס איז וואס עס פאסירט אויך צו אונז אויף די וועלט; מיר לויפן נאך פארבייפליענדע פארגעניגנס וואס וועלן אונז סיי ווי נישט מאכן פרייליך - איר וועט קיינמאל נישט אנקומען אהין. און דאס לערנט אונז די תורה מיט די ווערטער היום לעשותם, אז מיר האבן פיל וויכטיגערע זאכן צו טון אויף די וועלט ווי צעברעכן אונזערע ציין אויף קופערנע האזלען. מיר האבן אמת'ע גליק וואס ווארט אונז אפ! און דערפאר דארפן מיר ווערן פארנומען מיט טון וויפיל מצוות מיר קענען! די געלעגנהייט צו לעבן גליקליך און ערפאלגרייך איז ענטהאלטן אין די ווערטער היום לעשותם.

## הנאה האבן פון מצוות

ווירקליכע פרייד אויף די וועלט איז נאר ווען מען איז פארנומען מיט נאכלויפן אמת'ע האזלען - נאך ריכטיגע דערגרייכונגען, נאך מצוות, נאך תורה. דארט איז וואו דו וועסט געפינען שמחה.

עס איז נישטא קיין ספק אז דער מענטש וואס היט שבת ווערט גלייך באלוינט מיט שמחה. ס'איז געשמאק צו היטן שבת. ס'איז געשמאק זיך צו ארומוואשן און זיך גרייטן ערב שבת און צו אנטון בגדי שבת. ס'איז געשמאק צו זיין צוזאמען מיט דיין פאמיליע און צו עסן ספעציעלע מאלצייטן. ס'איז געשמאק זיך צו צוזאמקומען מיט דיין קהלה אין שול. ס'איז זיכער געשמאק צו אריינגיין שבת אין בעט זיך אפרוען. עס איז זיכער אז שבת איז א גליק פאר אונז.

און דאס איז בלויז א ביישפיל אויף אלע אנדערע מצוות. כשרות בדרך כלל באדייט

געזונטערע עסן; מאכלים וואס זענען מער פארזיכערט צו עסן. יעדער ווייסט אז ים שפייז האבן אין זיך אסאך מאל פארשידענע שרצים. ווען די אמעריקאנער סאלדאטן זענען געווען אויף שלאכטן אין מצרים, זענען פיל פון זיי אנגעשטעקט געווארן מיט קרענק וואס זיי האבן איבערגעכאפט פון שלענג וואס זיי האבן געגעסן - עס איז באטראכט געווארן ווי א דעליקאטעס. אויך אין אמעריקע זענען אומצאליגע מענטשן אנגעשטעקט געווארן מיט טריקינאוסיס פון עסן גערייכערטע חזיר פראדוקטן. אפילו היינט איז טריקינאוסיס פארשפרייט - ס'איז דא א ווארעם וואס בלייבט אין די טישו פונעם חזיר און עס גייט אריין אין די קישקעס ווענט און בויערט זיך אריין און לייגט פיל אייער און נאך א שטיק צייט ווערט דער מענטש אנגעלאדנט מיט טריקינאוסיס ווערים. ס'איז גוט באוואוסט. ס'איז נישט קיין ספק אז כשר'ע שפייז איז אויך א פארזיכערונג פאר גליק.

## א סיסטעם פון גליק

קינדער וואס זענען מכבד די עלטערן, זיי וועלן צום אלעם ערשטן מאכן זייערע עלטערן פרייליכער און צוויטנס וועלן זיי הנאה האבן פון אויספאלגן די ווארענונגען פון זייערע עלטערן, וואס דאס איז מורא'דיג וויכטיג פאר א קינד. דער יוגנט מוז האבן עפעס אויפזיכט; קינדער קענען נישט טון וואס עס גלוסט זיי. אן די ריכטיגע אנווייזונגען וועלן זיי פארפלאנטערט ווערן מיט אלע סארט פראבלעמען. און דערפאר, ווען א קינד האט זיך געלערנט צו מכבד זיין זיין טאטע און מאמע און זיי פאלגן, איז נישטא קיין ספק אז ער געניסט פון פיל מער געזונט און פרייד און הצלחה אין לעבן.

און אזוי איז עס מיט אלעם, נישטא קיין ספק אז ווען מען לעבט א לעבן על פי תורה און מען ערפילט אירע געבאטן פארדינט מען דערביי; דער כלליות'דיגער גאנג פון די געזעצן פון די תורה איז אויסגעשטעלט מיט'ן ציל צו פארזיכערן א מענטש'ס לעבן, פארזיכערן די געזעלשאפט, געבן א געשמאקע און געזונטע לעבנסוועג און ערמעגליכן די געזעלשאפט צו עקזיסטירן מיט שלום, געזונט און פרנסה. עס איז נישטא קיין ספק אז צו מקיים זיין די תורה ומצוות איז דער בעסטער פלאן פאר א מענטש'ס וואוילזיין אויף די וועלט.

## די זיסקייט פון דערגרייכונג

אבער איך רעד נישט בלויז פון הנאה - דאס גייט שוין מיט. מיר רעדן יעצט פון א מער געהויבענע שמחה - דאס לויטערע גליק וואס קומט מיט'ן וויסן אז דיינע טעג ווערן אנגעפילט מיט א ציל, מיט דער ציל צוליב וועלכן דו ביסט געקומען אהער. דאס איז וואס מאכט דאס לעבן ווערד צום לעבן!

דאס גליק פון לעבן איז צו לייגן תפילין. אויב קענסטו לייגן תפילין אינדערפרי, האט זיך געלוינט אויפצושטיין אינדערפרי. אויב זאגסטו ברכות אינדערפרי, איז ווערד דערפאר צו לעבן. ס'איז זיס צו זיין א איד; ס'איז געשמאק צו טון מצוות ווייל די זיסקייט פון דערגרייכונג איז די זיסקייט אין לעבן.

אלזא, איך פארשטיי אז דאס פאלט אויף פארשטאפטע אויערן און מענטשן וועלן נישט ווערן צו פרייליך איבער דעם, אבער דאס איז דער פשוט'ער אמת, איז פארוואס זאלן מיר דאס

פארזען? פארוואס זאלן מיר דערלייגן די געלעגנהייט? עס וועט קומען א צייט ווען מיר וועלן צוריקקוקן און באדויערן אז מיר האבן נישט הנאה געהאט פון קונה זיין אין לעבן. ווילאנג א מענטש לעבט, זאל ער אויסניצן די געלעגנהייט! **היום לעשותם**, יעצט איז די צייט ווען מיר קענען דערגרייכן!

## לאז מיר לעבן!

דערפאר האט דוד המלך געזאגט (תהלים קיח:יז), **לֹא אָמוּת** - "איך וויל נישט שטארבן! **כִּי אֶחְיֶה** - ווייל איך וויל לעבן." דוד האט נישט געזאגט די ווערטער אויף זיין קראנקען בעט; ער האט עס נישט געזאגט אין זיין לעצטן טאג פון לעבן - דאס איז וואס ער האט שטענדיג געזאגט ווייל ער האט אנערקענט ווי טייער דאס לעבן איז.

יעדער ערליכער איד דארף האבן די השקפה צו פראבירן צו עקזיסטירן אויף די וועלט ווילאנג עס איז מעגליך; ער דארף טון אלעס וואס ער קען צו לעבן לאנג ווייל דאס לעבן איז זייער וויכטיג. ס'איז אונזער וויכטיגסטער פיזישער אייגנטום; ס'איז אונזער גליק און אונזער כבוד ווייל מיר לעבן א לעבן פון א ישראל! דאס מיינט, אז נישט קיין חילוק וואס, זענען אונזערע לעבנס צוועקפול - דאס זיין א מצווה ועושה מאכט אונזער לעבן ווערד צום לעבן.

## אפהיטן דאס טייערע לעבן

ווער עס פארשטייט דאס וועט נישט זיין נאכלעסיג מיט זיין לעבן. א ישראל וועט אלעמאל זיין גאר פארזיכטיג מיט זיין זיכערהייט און די זיכערהייט פון זיין פאמיליע. ער איז נישט נאכלעסיג; ער וועט נישט פארן צו שנעל אויף די שטראזן, ער וועט נישט רייכערן קיין ציגארעטלעך, ער וועט נישט זיין נאכלעסיג ווייל עס פאדערט זיך אסאך מיטלען צו זיין פארזיכערט און געזונט. אויב דאס לעבן איז פון העכסטן וויכטיגקייט, אויב לעבן מיינט נישט בלויז הנאה נאר דערגרייכונג און כבוד, דאן דארפן מיר טון אלעס וואס מעגליך צו אפהיטן אונזערע לעבנס.

א מענטש וואס לויפט אומפארזיכטיג אריבער די גאס ריזיקירט נישט בלויז מיט די שעות וואס ער וואלט נאך געקענט ווייטער לעבן. ער ריזיקירט מיט די אלע קריאת שמע'ס וואס ער וואלט נאך געקענט זאגן. ער ריזיקירט מיט די אלע געלעגנהייטן וואס ער וואלט נאך געקענט לייגן תפילין. ער ריזיקירט מיט די אלע תורה, אלע ברכות, אלע שבתים. ער ריזיקירט מיט די אלע זכירות יציאת מצרים - צוויי מאל א טאג איז עס א מצוות עשה, אינדערפרי און אין אוונט. מענטשן טראכטן נישט איבער דעם. יציאת מצרים אין אוונט און אינדערפרי, יעדעס מאל איז עס א באזונדערע מצוה. עס זענען דא אזויפיל מצוות אן קיין סוף. און א מענטש וואס איז נאכלעסיג מיט זיין לעבן, איז ער נאכלעסיג מיט די אלע געלעגנהייטן.

און דערפאר, דער מענטש וואס לעבט מיט דעם צוגאנג פון **היום לעשותם**, ער איז א מענטש וואס לעבט די גליקליכסטע - און ער וועט לעבן מיט דעם גליק אויף אייביג ווייל די וועלט איז דער ארט פון טון **ומחר לקבל שכרם** - מארגן, אין די קומענדיגע וועלט, איז דער טאג פון באלוינונג. ווען ער וועט קומען אין עולם הבא וועט ער הנאה האבן פון דאס אייביגע גליק, דאס אמת'ע גליק פון וואס עס איז נישטא עפעס בעסער, וואס ער האט קונה געווען דורך לעבן אן ערפאלגרייך לעבן פון א מצווה ועושה אויף די וועלט.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**פארוואס רעדן נישט רבנים מער איבער די נושא פון ערליכקייט ביים האנדלען?**

**תשובה:**

דער ענטפער איז אז יעדן טאג באקומט א איד א לערע אויף דעם. א קליין אינגל גייט אין חדר און שוין לערנט ער ׳ארבע אבות נזיקין׳, איבער אלע סארטן אופנים פון שאדנס אויף וואס ער איז פאראנטווארטליך. איינמאל האט איינער מיר אפגעשטעלט אין גאס און מיר געפרעגט, ״פארוואס לערנט מיין אייניקל געזעצן אין חדר? צי וועט ער זיין אן אדוואקאט?״ האב איך אים געענטפערט וואס רבי ישראל סאלאנטער האט געענטפערט. רבי ישראל סאלאנטער האט געזאגט אז ווען א מענטש איז שוין ערוואקסן דאן איז שוין צו שפעט ער זאל לערנען איבער די פאראנטווארטליכקייט וואס מ׳דארף האבן צו א צווייטן׳ס געלט. דאן וועט מען שוין קיינמאל נישט שפירן סיי וואספארא הרגשה צו א צווייטן׳ס געלט. און דערפאר דארף מען אנפאנגען גלייך ביים אנהייב.

זיכער לערנט מען דאס מיט אידישע קינדער. זיי לערנען איבער גזל און שאדנס; אפילו ווען מ׳טרעפט א פארלוירענער חפץ דארף מען עס אומקערן. די ערשטע זאך וואס מיר לערנען אונזערע יונגע קינדער איז איבער ממון אחרים, געלט פון אנדערע מענטשן. דאס איז דער ערשטער און וויכטיגסטער לימוד. איז אודאי באקומט דאס אידישע פאלק די הדרכה; מער ווי סיי ווער אנדערש אין די וועלט.

וועלכע פאלק פארגלייכט זיך צו אונז? מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ – ווער קען זיך פארגלייכן צו אונז? וועלכע פאלק לערנט זייערע קליינע אינגלעך נישט צו שעדיגן א צווייטן׳ס אייגנטום? ביי אנדערע הערט זיך עס לעכערליך! קיינער קען זיך נישט פארגלייכן צו דאס אידישע פאלק. בבא קמא און בבא מציעא און בבא בתרא רעדן אלע פון ממון אחרים, איבער ווי וויכטיג מ׳דארף האלטן אנדערע מענטשן׳ס געלט.